קונטרס

# הלכות חול המועד

באידיש

קורצע און פראקטישע
הלכות וואס זענען נוגע אין
די טעג פון חול המועד

והודעת להם את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון
בית הוראה
דקהל יטב לב דסאטמאר
איסור והיתר
דיני ממונות
שטרות וגיטין
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

97 Heyward St. Brooklyn, NY 11206
718.388.0015

ערב סוכות תשפ"ז

97 Heyward St. Brooklyn, NY 11206
718.388.0015

יצא לאור ע"י
**בית הוראה
דקהל יטב לב
דסאטמאר**
וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

כל הזכיות שמורות

הקונטרס
נערך ונסדר ע"י
הרה"ג ר' **ישעי' ליכטנשטיין** שליט"א
והרה"ג ר' **יעקב פריעדמאן** שליט"א

**718-388-0015**

פאר הערות און קאמענטארן, 0#
צו רעדן צו א דיין 1#
דיני ממונות, ריבית 2#
שטרות, גיטין 3#
אדרעס, זמנים 4#
אדרעס, טעל. נאמבער פון דיינים 5#
מנדב זיין פרנס היום, שבוע, חודש 6#

**דיני ממונות, ריבית,
שטרות, גיטין**
איז אריבער געפירט געווארן
צו די בית דין אפטיילונג
**718 387 5311**

# בפתח השער

יראו עינינו וישמח לבנו, בשיר וקול תודה נברך לאלוקנו, שהננו זוכים שוב להרבות תורה בישראל, בהופעת אור יקרת, קונטרס **הלכות חול המועד**, תוכו רצוף הליכות והלכות לימי חול המועד, להלכה ולמעשה בסדר נאה ונעים בלשון אידיש המדוברת, למען ירוץ בו הלומד, למען יעמדו על יסודי הדברים ופרטי הלכותיה, לדעת את המעשה אשר יעשון.

קונטרס זו הלכות חול המועד, מיוחדת במינה, היות שהלכות חול המועד הוא הלכתא רבתי עם כמה פרטים וענפים, ואין יד הכל ממשמשין בה, וכבר צווחו קמאי דצריכים זהירות יתירה, שלא להיכשל ח"ו בזילזול וחילול המועד, ופוק חזי מש"כ האליה רבא (סי' תצב ס"ק ג') בטעם שמתענים בה"ב אחר סוכות ופסח, שמא חטאו בימי המועדים שהם ימי משתה ושמחה, וכתב על זה 'דאף בחול המועד לא התיר רק דבר האבד וכו' וכמעט אין איש צדיק בארץ בימים אלו'.

והנה הקונטרס הדין היה מול מראה עיני **הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, והגה"צ אבד"ק מאנסי שליט"א**, והסכימו להדפיסו ולהפיצו בקרב אנ"ש, וכן הננו אסורים תודה לכבוד הני הרבנים הגאונים שליט"א מדייני קהלתינו הק', **הרה"ג רבי יהושע הכהן געלבּ שליט"א, הרה"ג רבי צבי ארי' בערנשטיין שליט"א, הרה"ג רבי מנחם זאב שטערן שליט"א, הרה"ג רבי משה ראזענפעלד שליט"א, והרה"ג רבי יוסף אשר זילבערשטיין שליט"א**, שתרמו מזמנם היקר לעבור על הקונטרס הדין, והעירו והאירו הערות נחיצות ומועילות להעמיד הדברים על מכונם, לדעת את הדרך נלך בה.

בהודאה על העבר ובבקשה על העתיד, כן יעזרינו ד' שנזכה עוד רבות בשנים, לזכות את הרבים בהרבצת תורה והוראה בישראל, לרומם קרן התורה בקרב קהלתינו הק', עדי נזכה לבנין ציון וירושלים, בשמחת עולם על ראשינו בביאת גואלנו ומלכינו בראשינו בב"א.

כברכת

**הנהלת בית הוראה**

# מפתח

## הלכות חול המועד


**פרק א** ........ ה

**דיני ומנהגי חול המועד**
ימי חול המועד /שמחה /בשר ויין /שיעור /בני ביתו /כבוד ועונג /טלית /סעודה /יעלה ויבוא / שכח ונזכר /הרחמן /שאילת שלום

**פרק ב** ........ ו

**איסור מלאכה בחול המועד**
יסוד האיסור /דאורייתא או דרבנן /חומר הדבר /הנאה ממלאכה /ע"י עכו"ם /טירחא /דברים המותרים

**פרק ג** ........ ז

**כללי ההיתר למלאכה בחול המועד**
אוכל נפש /דיני אוכל נפש /שלא לצורך המועד /מכשירי אוכל נפש /כיוון מלאכתו במועד / צורך הגוף / לצורך המועד /מעשה הדיוט /תיקון כלים /דבר האבד /דיני דבר האבד /כיוון מלאכתו במועד /בעל מלאכה /אומן בשכר / צרכי רבים /כיוון מלאכתו /שלא לצורך המועד / לצורך מצוה /ציצית /בניית סוכה

**פרק ד** ........ י

**מלאכות בחול המועד**
חורש זורע וכו' /השקאת מים /דש /בורר /טוחן, מרקד, לש, אופה, בישול /מלבן /צובע /צובע לתענוג /טווה, אורג /תופר /כפתור /איזה שינוי /צידה /צידה לתענוג /הבונה /סותר /הכותב / כתב משיטא /דבר האבד /אינה מתקיימת /הדפסה

**פרק ה** ........ יג

**תספורת נטילת צפרנים**
תספורת /נשים /לחוף ולסרוק /קטן שנעשה בן ג' שנים /שער שבשפה /נטילת צפרנים /קטן

**פרק ו** ........ יד

**כיבוס בגדים**
כיבוס בגדים /אופני כיבוס /להכין בגדים /מפה וסדינים /ע"י עכו"ם /בגדי פשתן /דבר האבד / בגדי קטנים /להוסיף בגדים /מטפחות /מטפחות כלים /סדינים לאורחים /כתם בבגד /גיהוץ / כובס /ליתן לכובס /ציחצוח מנעלים /שטיפת הרצפה

**פרק ז** ........ טו

**איסור מקח וממכר**
מקח וממכר /אופני הקניה /לצורך המועד /שמיני עצרת /שלא לצורך המועד /מכירה מאליו / לקנות /ממצוא חפציך /ודבר דבר /תשלומין במועד /דבר האבד /פותח אחת ונועל אחת /מודעה /מוכרי תבלין /דבר האבד /להחזיר חפץ /ספק דבר האבד /מניעת ריוח /ריוח שאינו מצוי / ספק ריוח /לצורך תשמישו /עיר אחרת /שמחת יום טוב /כיוון מלאכתו במועד /הלואה /הלואה דשולחני /דבר האבד /פועל בשכר /לצורך מצוה /אוכל נפש

# הלכות
# חול המועד

## פרק א

### דיני ומנהגי חול המועד

**א. ימי חול המועד** – 'די טעג פון חול המועד האט השי"ת געגעבן פאר כלל ישראל פאר עונג יו"ט און כדי עוסק צו זיין אין תורה' (ירושלמי מו"ק פ"ב ה"ג), און 'נענטער צו ווערן צום הייליגן באשעפער' (משנ"ב סי' תקל ס"ק ב' בשם הכל בו).

**ב. שמחה** – חול המועד איז דא א חיוב פון 'שמחה' אזוי ווי יום טוב (שו"ע הרב סי' תקכט ס"ו, משנ"ב סי' תקל ס"ק א'), דעריבער דארף מען זיין פרייליך און אויפגעלייגט (שו"ע סי' תקכט ס"ב).

**ג. בשר ויין** – עס איז דא א 'מצוה' צו עסן פלייש און טרונקן וויין, אלס 'שמחה' אזוי ווי יו"ט (ארחות חיים, שבילי דוד סי' תקל, נמוקי או"ח סי' תקל ס"ק ב').

**ד. שיעור** – מ'איז יוצא די מצוה פון שמחת יו"ט, אפילו מיט ווייניגער ווי א 'כזית' פלייש, און ווייניגער ווי א 'רביעית' וויין (שו"ת תשובות והנהגות ח"ה סי' קנג), מ'איז יוצא אפילו מיט גרעיפ דזשוס (מרא דשמעתתא אות רכח, פרי תמרים ח"ו עמ' קג בשם רבינו הק' זי"ע).

**ה. בני ביתו** – אויך איז דא א מצוה משמח צו זיין די ווייב און קינדער (שו"ע שם), די קינדער דורך געבן נאש וכדו' (שם), און די פרוי דורך קויפן נייע קלייד, צירינג וכדו' (שם), אויך קען מען מקיים זיין די מצוה דורך יעדע זאך וואס גיבט צו צום שמחת יום טוב (שו"ת שבט הלוי ח"ח סי' קכד).

**ו. כבוד ועונג** – חול המועד איז דא א חיוב פון 'כבוד ועונג' (משנ"ב סי' תקל ס"ק א' ובשעה"צ שם ס"ק ד'), דעריבער זאל מען אנטוהן די יום טוב'דיגע קליידער (מג"א סי' תקל ס"ק א', ועי' משנ"ב שם ס"ק א', ובשעה"צ שם ס"ק ד').

**ז.** **טלית** - אויך זאל מען אנטוהן די שבת'דיגע טלית (משמרת שלום סי' לג אות ב'), אויך איז דער מנהג אז מען דעקט דעם טיש מיט א 'טישטוך' לכבוד יום טוב (פמ"ג סי' תרלט משב"ז ס"ק א').

**ח.** **סעודה** - עס איז נישט דא קיין 'חיוב' צו עסן א סעודה אום חול המועד, אבער ס'איז דא א 'מצוה' צו עסן א סעודה (מג"א סי' תקל ס"ק א'), 'לכתחילה' זאל מען זיך וואשן סיי ביינאכט און סיי בייטאג (משנ"ב שם ס"ק א'), טייל פוסקים האלטן אז ס'איז גענוג איין סעודה (נמוקי או"ח סי' תקל).

**ט.** **יעלה ויבוא** - מען דארף זאגן 'יעלה ויבוא' ביים בענטשען, אויב מ'האט פארגעסן, דארף מען נישט נאכאמאל בענטשען (שו"ע סי' קפח ס"ז).

**י.** **שכח ונזכר** - אויב מ'האט זיך דערמאנט פאר די ברכה פון הטוב והמטיב, זאל מען זאגן די ברכה פון 'שנתן מועדים לעמו ישראל לששון ולשמחה' און 'נישט' צוענדיגן ביים סוף ברוך אתה וכו' (שם).

**יא.** **הרחמן** - מען פירט זיך צו זאגן 'הרחמן הוא ינחילנו יום שכולו טוב' וכו', אזוי ווי יום טוב (מרא דשמעתתא אות תשכו, ועי' מג"א סי' תצ סק"א), אויך זאגט מען נישט מגדיל נאר 'מגדול' אזוי ווי שבת און יו"ט (ליקוטי מהרי"ח בשם הפרי מגדים).

**יב.** **שאילת שלום** - די מנהג איז אז חול המועד גריסט מען 'א גוטן מועד' אדער 'א גוט יו"ט', און נישט א גוטן טאג אדער א גוטע נאכט אזוי ווי א גאנץ יאר (מעשה רב אות קעד).

# פרק ב

## איסור מלאכה בחול המועד

**א.** **יסוד האיסור** - חול המועד טאר מען נישט טוהן קיין מלאכה, וואס מען טאר נישט טוהן אום יום טוב, אבער עס איז דא געוויסע מלאכות, וואס די חכמים האבן מתיר געווען צו טוהן (שו"ע ורמ"א סי' תקל).

**ב** **דאורייתא או דרבנן** – אסאך פוסקים האלטן אז טוהן א מלאכה אום חול המועד איז א 'איסור מן התורה' (רמ"א סי' תקל, ועי' מג"א שם ס"ק א'), און לויט טייל פוסקים איז עס א 'איסור מדרבנן' (רמב"ם פ"ז ה"א, טו"ז סי' תקמה ס"ק י').

**ג.** **חומר הדבר** – 'אויב איינער פארשעמט דעם יו"ט איז עס כאילו ער האט געדינט עבודה זרה' (פסחים קיח.), דאס מיינט 'איינער וואס טוט א מלאכה וואס איז אסור אום חול המועד' (רש"י שם ד"ה כל המבזה, הובא במג"א סי' תקל ס"ק א').

**ד.** **הנאה ממלאכה** – אויב מען האט 'ספעציעל אוועקגעלייגט' צו טוהן א ארבייט אום חול המועד, טאר מען נישט ארויסנעמען קיין הנאה פון די ארבייט (שו"ע סי' תקלח ס"ו, מג"א סי' תקלח ס"ק ב', ועי' שו"ת שבט הלוי ח"ו סי' סח).

**ה.** **ע"י עכו"ם** – א מלאכה וואס א איד טאר נישט טוהן אום חול המועד, טאר מען נישט הייסן א 'גוי' טוהן (שו"ע סי' תקמג ס"א), אבער 'לצורך מצוה' איז יא מותר צו הייסן א גוי טוהן א מלאכה (מג"א שם ס"ק א').

**ו.** **טירחא** – אפילו א זאך וואס איז נישט קיין מלאכה, טאר מען נישט טוהן אויב ס'איז א 'טירחא', דעריבער טאר מען נישט מופן פון איין דירה צום צווייטן, למשל טראגן געשיר, ספרים וכדו', צו א חתן כלה דירה, אויב ס'איז א צורך יום טוב איז מותר (שו"ע סי' תקל"ה ס"א).

**ז.** **דברים המותרים** – חול המועד איז נישט דא די איסור 'מוקצה' (דרכי משה סי' תקמד סק"ב), אזוי אויך איז נישט דא די איסור 'תחומין' (ארחות חיים סי' ד'), און איסור 'ממצוא חפציך' ווי למשל גיין קוקן אדער רעדן פון זאכן וואס האבן מיט מקח וממכר (שו"ע סי' תקמ"ג ס"ג), 'רכיבה' רייטן אויף א בהמה (שו"ע סי' תקלו ס"א), 'רפואה' למשל נעמען מעדעצינען וכדו' (שו"ע סי' תקלב ס"ב).

# פרק ג

## כללי ההיתר למלאכה בחול המועד

**כללי היתר – עס זענען דא עטליכע אופנים וואס מ'האט מתיר געווען צו טוהן א מלאכה, א) לצורך אוכל נפש, ב) לצורך הגוף, ג) לצורך המועד, ד) לצורך דבר האבד, ה) צרכי רבים, ו) לצורך מצוה, און עס זענען דא פארשידענע חילוקים ווי אויסגעשמועסט שפעטער.**

**– א –**

**א. אוכל נפש –** מען מעג טוהן יעדע סארט ארבייט, וואס איז פארבינדען צו 'אוכל נפש', דעריבער מעג מען קנעטן, קאכן, באקען וכדו' אלעס וואס פעלט זיך אויס לכבוד יו"ט אדער חול המועד (שו"ע סי' תקמ ס"ז).

**ב. דיני אוכל נפש** - מען מעג אפילו 'פלאנירן' בעפאר יו"ט, צו קאכן און באקן וכדו' אום חול המועד לכבוד יו"ט (שו"ע סי' תקלג ס"א), און מ'מעג קאכן און באקן מיט א 'ברייטקייט', אפילו עס קען איבערבלייבן אויף נאך יו"ט, אבער מ'טאר נישט קאכן און באקן ספעציעל אסאך כדי ס'זאל איבערבלייבן (שם), און מען מעג טוהן אלעס וואס פעלט זיך אויס אן קיין שום שינוי (עי' מג"א סי' תקמ ס"ק ז').

**ג. שלא לצורך המועד** - אבער מ'טאר נישט קאכן, באקן וכדו', וואס מען דארף נאר אויף נאך יו"ט (שו"ע שם).

**ד. מכשירי אוכל נפש** - ווי אויך מעג מען טוהן יעדע סארט ארבייט, וואס העלפט צו אנגרייטן דאס עסן, דערפאר אויב האט זיך צובראכן די פרידזשידער, פריזער, בוילער, אויווען, מייקראוועוו וכדו', מעג מען רופן א בעל בעל מלאכה אפילו א איד זאל דאס פארעכטן (שו"ע סי' תקמ ס"ז),

**ה. כיוון מלאכתו במועד** - אבער אויב ס'האט זיך צובראכן בעפאר יו"ט, זאל מען עס נישט אוועקלייגן צו פארעכטן חול המועד (משנ"ב שם ס"ק כז), וויבאלד ס'איז נאר 'מכשירי' אוכל נפש.

**– ב –**

**ו. צורך הגוף** – אויך איז מותר אויף געוויסע אופנים, צו טוהן א מלאכה אויב ס'איז א שטארקע צורך פאר די מענטש (שו"ע סי' תקמו ס"ה, ועי'

ביה"ל שם ד"ה עושה), דעריבער אויב ס'האט זיך צובראכן די 'גלעזער', מעג מען עס ארייגעבן צו פארעכטן (שו"ת באר משה ח"ז סי' ז', ועי' מג"א סי' תקמ ס"ק ט').

**- ג -**

**ז. לצורך המועד** – עס איז מותר צו טוהן יעדע מלאכה וואס פעלט אויס לצורך יום טוב, למשל בויען א סוכה, פארן מיט א קאר חול המועד וכדו', אפילו אויב ס'איז נישט קיין צורך אוכל נפש (עי' רמ"א סי' תקלו ס"א, ביאור הלכה סי' תרל"ז).

**ח. מעשה הדיוט** - אפילו 'לצורך המועד' איז נאר מותר א 'מעשה הדיוט', דאס מיינט אז מ'קען עס טוהן אליינס, און מ'דארף נישט פאר דעם א בעל מלאכה, ווי למשל א פלאמבער, הענדי מאן וכדו' (שו"ע סי תקמ ס"א - ס"ו).

**ט. תיקון כלים** - דעריבער טאר מען נישט פארעכטן דורך א בעל מלאכה, זאכן וואס איז נישט מכשירי אוכל נפש, למשל א קאר, וואש מאשין, דרייער וכדו', אפילו מ'דארף עס לצורך יו"ט, און אפילו מ'טוט עס אליינס אדער א חבר וכדו' זאל עס נישט אויסזעהן ווי די פראפעסיענאלע ארבייט פון א בעל מלאכה (שו"ע סי' תקמא ס"ד, ובמג"א שם ס"ק ט').

**- ד -**

**י. דבר האבד** – אויך מען מעג טוהן יעדע סארט ארבייט, כדי מ'זאל נישט האבן קיין שאדן (שו"ע סי' תקלז ס"א), דעריבער מעג מען פארעכטן א ליע"ק ווי עס רעגנט ארייין, אדער א צובראכענע שלאס אפצוהיטן די הויז, אדער אויסוואשן א בגד מיט א פלעק וואס מ'וועט נישט קענען שפעטער אראפנעמען.

**יא. דיני דבר האבד** - 'דבר האבד' איז מותר אפילו אויב מ'איז נאר 'מסופק' אז ס'קען שאדן גיין (מג"א ריש סי' תקלז), ווי אויך איז 'דבר האבד' נאר מותר, אויב מ'קען נישט פארמיידן די שאדן, דורך זיך אפהאלטן פון דאס ניצן, ווי למשל אויב מ'קען נישט ניצן א צווייטע סינק (משנ"ב סי' תקמא ס"ק י').

**יב. כיוון מלאכתו במועד** - אויב מ'האט געקענט פארעכטן די שאדן נאך בעפאר יו"ט, ווי למשל די ליע"ק וכדו' איז שוין געשעהן בעפאר יו"ט, און מ'האט דאס אוועקגעלייגט צו פארעכטן אום חול המועד,

דעמאלטס טאר מען דאס נישט פארעכטן, אפילו אויב ס'וועט ברענגען מער שאדן (שו"ע סי' תקלח ס"א).

**יג.** **בעל מלאכה** - ביי דבר האבד איז מותר צו רופן א בעל מלאכה זאל עס פארעכטן (שו"ע סי' תקמ ס"א, ועי' משנ"ב סי' תקמב ס"ק ה').

**יד.** **אומן בשכר** - אפילו מען מעג רופן א 'בעל מלאכה' ביי דבר האבד, זאל מען ענדערש רופן א גוי, וויבאלד א איד טאר נישט לכתחילה 'ארבייטען פאר געלט' (משנ"ב סי' תקמב ס"ק ה' וביה"ל שם).

**- ה -**

**טו.** **צרכי רבים** - 'לצורך רבים' מעג מען טוהן אפילו א 'מעשה אומן', דעריבער מעג מען פארעכטן און ביהמ"ד וכדו' די בית הכסא, בוילע"ר וכדו' אויב עס פעלט אויס אויף יו"ט (שו"ע סי' תקמד ס"ב, טו"ז שם ס"ק ב').

**טז.** **כיוון מלאכתו** - לצורך רבים איז אויך מותר, אפילו ס'איז שוין געווען צובראכן בעפאר יו"ט, און מ'האט עס 'דירעקט אוועקגעלייגט' אויף חול המועד צו פארעכטן (שו"ע שם, טו"ז שם).

**יז.** **שלא לצורך המועד** - אויב ס'איז נישט לצורך המועד, אבער ס'איז א צורך רבים אויף נאך יו"ט, מעג מען דאס פארעכטן אבער נאר א 'מעשה הדיוט' (שו"ע שם, טו"ז שם).

**- ו -**

**יח.** **לצורך מצוה** - לצורך מצוה איז נאר מותר א 'מעשה הדיוט', אבער מ'טאר מען נישט טוהן קיין 'מלאכת אומן', אפילו מען דארף עס 'לצורך המועד' (רמ"א סי' תקמד ס"א, משנ"ב שם ס"ק ח'), **דעריבער טאר מען נישט מגיה זיין א ספר תורה** (שו"ע סי' תקמה ס"א, משנ"ב שם ס"ק א').

**יט.** **ציצית** - 'געוויסע מצות' (תפילין, מזוזה, ציצית) מעג מען טוהן אפילו אויב ס'איז נישט קיין 'צורך המועד' (שו"ע סי' תקמה ס"ג, משנ"ב שם ס"ק יב, ועי' פמ"ג שם משב"ז ס"ק ד'), **דעריבער מעג מען קניפן א טלית קטן אדער טלית גדול אום חול המועד.**

**כ.** **בניית סוכה** - מען מעג בויען א סוכה אום חול המועד, אפילו א 'מעשה אומן' (שו"ע סי' תרלז ס"א, ועי' ביה"ל סי' תרלז ס"א).

# פרק ד

## מלאכות בחול המועד

**א. חורש זורע וכו'** - מען טאר נישט פלאנצןביימער, בלומען, גיסן וואסער וכדו' (שו"ע סי' תקלז ס"ט), חוץ אויב ס'קען שאדן גיין איז מותר (שו"ע שם ס"א), אבער א 'גרויסע טירחא' ווי למשל ברענגן אסאך טעפלעך וואסער, טאר מען נישט אפילו אויב עס קען שאדן גיין (שו"ע שם ס"ב).

**ב. השקאת מים** - אבער מ'מעג אנשטעלן א 'ספרינקלער' פון ערב יו"ט, אז ס'זאל פון זיך אליינס שפריצן חול המועד (שו"ת מקדש ישראל פ"א אות יח).

**ג. דש** - מען טאר נישט אויסקוועטשן קיין פרוכט וכדו' אויב מ'דארף עס נישט אום יו"ט (שו"ע סי' תקלז סט"ו), דערפאר מעג מען נישט קוועטשן קיין טרויבן, ארענדזשעס וכדו', צו מאכן וויין, דזשוס, וואס מען וויל אוועקלייגן אויף נאך יו"ט.

**ד. בורר** - מען טאר נישט קלויבן אום חול המועד (שו"ע סי' תקלז סט"ו), דעריבער מעג מען נישט שיילן פרוכט וכדו' אוועקצולייגן אויף נאך יו"ט, אדער אויסקלויבן וועש וואס מ'גייט וואשן נאך יו"ט.

**ה. טוחן, מרקד, לש, אופה, בישול** - מען טאר נישט טוהן די אלע סארט מלאכות ווי מאלן, זיפן, באקן, קאכן וכדו', אויב מען דארף עס נישט אויף יו"ט, דעריבער זאל מען נישט קאכן און באקן אויף נאך יו"ט (שו"ע סי' תקלג ס"א).

**ו. מלבן** - מען מעג אויסוואשן שמאטעס, האנטוכער, וואס מען דארף צו רייניגן פאר יו"ט, (אויסער קליידער ווי שפעטער ערקלערט), אבער דאס וואס מען דארף נישט אום יו"ט איז אסור (שו"ע ורמ"א סי' תקלד ס"א), חוץ אויב ס'קען שאדן גיין, אויב מ'וואשט דאס נישט אויס, איז דאס א דבר האבד און ס'איז מותר.

**ז. צובע** - מען טאר נישט פארבן שלא לצורך המועד (חיי אדם כלל קי ס"ה), דעריבער טאר מען מען נישט פעינטן אפילו נאר אביסל, סיי א הויז און סיי כלים וכדו'.

**ח. צובע לתענוג** - קינדער וואס פארבן, קאלירן, וכדומה, נאר פאר א הנאה ועונג יו"ט, זענען דא פוסקים וואס האלטן אז דאס איז אויך א צורך המועד, וממילא פאר קינדער קען מען מיקל זיין, אבער ערוואקסענע מענטשן, זאלן זיך צוריק האלטן דערפון (הגה"צ אבד"ק מאנסי שליט"א).

**ט. טווה, אורג** - מען טאר נישט שטריקן קיין גארטל, גאבליין וכדו', אפילו מען וויל עס ניצן אום יו"ט, וויבאלד דאס איז א מעשה אומן (שו"ת מקדש ישראל סי' עג).

**י. תופר** - מען טאר נישט נייען אום חול המועד, אבער 'לצורך המועד' מעג מען נייען אבער נאר א 'מעשה הדיוט' (שו"ע סי' תקמא ס"ה).

**יא. כפתור** - צונייען א 'קנעפל' פון א בעקיטשע אדער קלייד וואס מ'דארף אום יו"ט, איז מותר אויב מען מאכט א 'שינוי' (שו"ע ורמ"א שם), אבער מ'זאל נישט נייען מיט א ניי מאשין (עי' שו"ע סי' תקמ ס"ג).

**יב. איזה שינוי** - כדי צו מאכן א שינוי זאל מען נאר 'צונייען לויז' (ביה"ל שם ס"ד ד"ה שרי), אדער זאל מען נישט אריין לייגן די פאדעם אין אלע לעכער, אדער נייען מיט די 'לינקע האנט' (שו"ת באר משה ח"ז סי' צה), אזוי אויך קען מען נייען דורך א 'מאן', וואס איז נישט געוואוינט צו נייען (הגה"צ אבד"ק מאנסי שליט"א).

**יג. צידה** - מען טאר נישט פאנגן קיין בעלי חיים שלא לצורך המועד (שו"ע סי' תקלג ס"ה), וממילא טאר מען נישט כאפן קיין פליגן וכדו', אבער אויב מ'האט צער פון דעם איז מותר (משנ"ב שם ס"ק כ'), אבער מען מעג אראפלייגן א פליגן כאפער אדער מייז טרעי"פ (שו"ת מקדש ישראל פ"א אות מט).

**יד. צידה לתענוג** - קינדער וואס כאפן פיש וכדו', און איז פאר זיי א הנאה און עונג יו"ט, זענען דא פוסקים וואס האלטן אז ס'איז מותר, דעריבער פאר קינדער קען מען מיקל זיין, אבער ערוואקסענע מענטשן, זאלן זיך צוריק האלטן דערפון (הגה"צ אבד"ק מאנסי שליט"א).

**טו. הבונה** - מען טאר נישט בויען קיין שום זאך שלא לצורך המועד, דערפאר טאר מען נישט אויפשטעלן קיין שום סארט שאנק, בעט, טיש וכדו', שלא לצורך המועד (שו"ע סי' תקמ ס"א - ס"ו).

**טז. סותר** - אזוי אויך טאר מען נישט צונעמען די אלע אויבערדערמאנטע זאכן וכדו', דעריבער טאר מען נישט צונעמען א סוכה אום חול

המועד, וויבאלד ס'איז נישט קיין צורך המועד (אויסער אויב מ'וויל עס צוריק אויפשטעלן נאכאמאל אויף א צווייטע פלאץ, אדער ס'קען שאדן גיין אדער גע'גנב'עט ווערן צווייטע טעג יו"ט).

**יז. הכותב** - מען טאר נישט 'שרייבן' חול המועד (שו"ע סי' תקמה ס"א), אפילו מען האלט די פעדער אנדערש ווי געווענטליך (שו"ע שם ס"ז), אזוי אויך טאר מען נישט 'מאלן' קיין בילדער (מג"א סי' תס ס"ק ג'), **אויך** זאל מען נישט ניצן קיין 'זיגעל' (א"ר שם ס"ק ו', פמ"ג שם א"א ס"ק ג').

**יח. כתב משיטא** - לצורך המועד מעג מען שרייבן, אבער נאר א 'מעשה הדיוט' (משנ"ב שם ס"ק ל'), דאס מיינט אידישע אותיות, אדער ענגליש'ע סקריפט (שו"ת נשמת שבת ח"ז סי' סג), דעריבער מעג מען אפשרייבן א טעלפאון נומבער, אדרעס, גראסערי ליסט, אינטערשרייבן פאר א דעליווערי מאן, קוויטעל פארן רבין וכדו'.

**יט. דבר האבד** - אויב מ'וויל אפשרייבן א חידוש, כדי מ'זאל עס נישט פארגעסן איז מותר (שו"ע שם ס"ט).

**כ. אינה מתקיימת** - אויב מ'שרייבט אויף א פלאץ וואס קען זיך נישט האלטן איז מותר (רמ"א סי' תקמה ס"ז), דעריבער מעג מען טייפן אויף א סקרין, קאלקעלעטאר, טעקסט, אימעיל וכדו' (שו"ת שבט הלוי ח"ו סי' לז, שו"ת באר משה ח"ז סי' לט).

**כא. הדפסה** - מען מעג ארויס דרוקן א מודעה פאר שלום זכר, וואך נאכט, קידוש וכדו' וויבאלד יעדער קען עס אליינס טוהן, איז עס א 'מעשה הדיוט' (הגה"צ דומ"ץ קרית יואל שליט"א).

# פרק ה

## תספורת נטילת צפרנים

**א. תספורת** – מען טאר זיך נישט שערן אום חול המועד, אפילו ס'איז א צורך המועד (שו"ע סי' תקלא ס"ב).

**ב. נשים** - פרויען און מיידלעך טארן זיך אויך נישט שערן (פמ"ג סי' תקמו א"א ס"ק ט'), לצורך מצוה אדער צניעות זאל מען פרעגן א שאלה.

**ג. לחוף ולסרוק** - מען מעג אבער קעמען די האר אדער פיאות ווי געהעריג, אפילו אויב עס וועט זיך אויסרייסן האר איז אויך מותר (רמ"א סי' תקלא ס"ח).

**ד. קטן שנעשה בן ג' שנים** – א קינד וואס ווערט דריי יאר חול המועד, שערט מען אפילו אום חול המועד (שו"ע סי' תקלא ס"ו, שערי תשובה סי' תקלא ס"ו, וכן הוראות כ"ק רבינו שליט"א).

**ה. שער שבשפה** – חול המועד איז נאר אסור זיך צו שערן די האר פון די קאפ, אבער אויב מ'דארף אפשניידן האר אויף אנדערע פלעצער פונעם גוף איז מותר (שו"ע שם ס"ח, ועי' מחצית השקל שם ס"ק יב).

**ו. נטילת צפרנים** – מען שניידט נישט די נעגל אום חול המועד, אפילו ס'איז א צורך המועד (רמ"א סי' תקלב ס"א), אויב מ'האט געשניטן די נעגל בעפאר יו"ט, אזוי אויך איינער וואס שניידט יעדן ערב שבת, מעג מען עס שניידן ערב שבת חול המועד, אדער ערב צווייטע טעג יו"ט (מג"א שם סק"א, באה"ט שם ס"ק א' בשם נחלת שבעה).

**ז. קטן** - נעגל פון 'קליינע קינדער', אויב מ'האט פארגעסן צו שניידן בעפאר יו"ט, קען מען עס שניידן אום חול המועד (עי' מג"א שם ס"ק א', וכן הוראת הגה"צ אבד"ק מאנסי שליט"א, שו"ת מענה דבר ח"ב עמ' תקטו).

# פרק ו

## כיבוס בגדים

**א. כיבוס בגדים** – מען טאר נישט וואשן קיין וועש אום חול המועד, אפילו מ'דארף עס האבן לכבוד יום טוב (שו"ע סי' תקל"ד ס"א).

**ב. אופני כיבוס** - דעריבער מעג מען נישט וואשן אין א 'וואש מאשין' (שו"ת מהר"י שטייף סי' רפ), אזוי אויך מעג מען נישט ארייַנלייגן קליידער למשל ציצית וכדו' 'ווייקן אין וואסער' (שו"ת מהרש"ם ח"ז סי' קל).

**ג. להכין בגדים** - מען זאל זעהן צו קויפן און אנגרייטן גענוג וועש בעפאר יו"ט, אויב מ'האט נישט קיין זויבערע וועש זאל מען פרעגן א שאלה (שו"ת באר משה ח"ז סי' ו').

**ד. מפה וסדינים** - אויך די טישטוך, בעטגעוואנט, טאר מען נישט אויסוואשן אום חול המועד (שו"ע שם, טו"ז שם ס"ק א').

**ה. ע"י עכו"ם** - אפילו דורך א 'גוי' טאר מען נישט וואשן קיין וועש (פרישה שם ס"ק ד', חיי אדם כלל קי ס"ג, משנ"ב שם ס"ק יד).

**ו. בגדי פשתן** - אונטער וועש און זאקן מעג מען אויך נישט אויסוואשן (שו"ע שם ס"ב, מג"א שם ס"ק ה'), אויב מ'האט נישט גענוג זויבערע אינטער וועש, מעג מען דאס אויסוואשן דורך א גוי (משנ"ב שם ס"ק י"ד), אויב מ'האט נישט קיין גוי זאל מען פרעגן א שאלה.

**ז. דבר האבד** - א קלייד וואס איז געווארן שמוציג, און אויב מ'וועט עס נישט וואשן גלייך, וועט עס שפעטער נישט ארויסקומען מעג מען עס אויסוואשן (שו"ת באר משה ח"ז סי' לג).

**ז. בגדי קטנים** - וועש פון קליינע קינדער פון בערך זעקס זיבן יאר, וואס מאכן זיך שנעל שמוציג, מעג מען אויסוואשן אבער נאר וואס מען דארף אויף יו"ט (רמ"א סי' תקלד ס"א).

**ח. להוסיף בגדים** - אפילו ווען מ'וואשט פאר קליינע קינדער, טאר מען נישט צולייגן אין וואש מאשין וועש פון ערוואקסענע, אדער אפילו וועש פון קליינע קינדער, וואס מען גייט נוצן נאר נאך יום טוב (שו"ת באר משה ח"ז סי' לב, שו"ת שבט הלוי חי"א סי' קלג).

**ט. מטפחות** - נטילת ידים האנטוך, מקוה האנטוך וכדו', וואס די סדר איז היינטיגע צייטן אז מען וואשט עס אפט, ווייל עס ווערט שנעל שמוציג, דעריבער אויב מ'האט נישט קיין זויבערע האנטוך, מעג מען עס אויסוואשן (שו"ע שם, ערוה"ש שם ס"ג, ועי' מג"א שם ס"ק ב').

**י. מטפחות כלים** - האנטוכער און שמאטעס, וואס זענען געמאכט צו וואשן כלים, פלאר'ס וכדו', מעג מען וואשן אום חול המועד (שו"ת מקדש ישראל פ"ז אות טז).

**יא. סדינים לאורחים** - אויב מ'האט געסט אויף די צווייטע טעג יו"ט, און מ'האט נישט קיין זויבערע בעט געוואנט מעג מען עס אויסוואשן, אויב מ'האט א גויטע אין שטוב, זאל מען 'לכתחלה' הייסן די גויטע זאל אנצינדען די וואש מאשין (שו"ת באר משה ח"ז סי' ח').

**יב. כתם בבגד** - אויב ס'איז געווארן א 'פלעק' אויפן קלייד, מעג מען עס אפוואשן כדי אראפצונעמען די פלעק (שו"ת באר משה ח"ז סי' לג).

**יג. גיהוץ** - מען מעג 'ביגלן' חול המועד קליידער וואס מ'דארף אויף יו"ט (רמ"א סי' תקמא ס"ג), אבער מען טאר נישט פרעסן זאכן וואס האלט זיך אויף א לענגערע צייט, ווי למשל פליטס פון א קלייד, קנייטשן פון א טלית וכדו' (מג"א שם ס"ק ה').

**יד. כובס** - מען מעג גיין אפנעמען קליידער פון די קלינערס, אבער נאר וואס מ'דארף האבן אויף יו"ט (שו"ע סי' תקלד ס"ג, שו"ע הרב סי' רנב סי"ג).

**טו. ליתן לכובס** - מען טאר נישט אריינגעבן חול המועד אפילו צו א גוי'שע קלינערס, אפילו קליידער וואס מען דארף האבן אויף יו"ט (משנ"ב שם ס"ק טו, משנ"ב סי' תקמג ס"ק י').

**טז. ציחצוח מנעלים** - טייל פוסקים האלטן אז מ'טאר נישט פיצן קיין שיך אום חול המועד (שבילי דוד ועוד), דעריבער אויב ס'פעלט נישט אויס, זאל מען נישט פיצן די שיך (שו"ת באר משה ח"ז סי' פח), אבער מיט א בערשטל אן שיך פיץ איז מותר לכתחילה (שו"ת שבט הלוי ח"ו סי' רמד).

**יז. שטיפת הרצפה** - מען קען געהעריג אויפוואשן די פלאר, וואס עס פעלט זיך אויס לכבוד יום טוב, און כל שכן אז מען מעג אויפקערן מיט א בעזים, אדער מיט א וועקיום קלינער (הגה"צ אבד"ק מאנסי שליט"א).

# פרק ז

## איסור מקח וממכר

**א. מקח וממכר** - מען טאר נישט טוהן קיין שום ביזנעס חול המועד, וממילא טאר מען נישט קויפן, פארקויפן, דינגען, פארדינגען, און אפילו נאר קליינקייטן (שו"ע סי' תקלט ס"א, מג"א שם ס"ק טז).

**ב. אופני הקניה** - ס'איז נישט קיין חילוק צו מען קויפט אין א געשעפט, אויפן טעלעפאון, אדער וועבסייט וכדו'.

**ג. לצורך המועד** - זאכן וואס מען דארף פאר יום טוב, מעג מען איינקויפן, וממילא מעג מען איינקויפן עסן, טרונקן, קליידער, ד' מינים, הושענות, מחזור וכדו', וואס מ'דארף האבן אויף יו"ט (שו"ע סי' תקלט סי"ב).

ד. **שמיני עצרת** - ווי אויך מעג מען קויפן אדער דינגען, וואס מען דארף פאר די 'צווייטע טעג יו"ט' (רמ"א סי' תקלט סי"א).

ה. **שלא לצורך המועד** - מען טאר נישט איינקויפן קיין שום זאך, וואס מען דארף נישט אויף יו"ט, ווי למשל ספרים פארן נייעם זמן, קליידער אדער שיך פארן קומענדיגן סעזאן, גראסערי אייטעמס פאר נאך יו"ט (מג"א שם ס"ק טז).

ו. **מכירה מאליו** - א ביזנעס וואס גייט אן פון זיך אליינס, למשל א ווענדינג מאשין, וועבסייט, עמעזאן, סטאקס וכדו', מעג מען לאזן אפען אום חול המועד, אז ס'זאל פארקויפן אום חול המועד, (חול המועד פסח דארף מען נזהר זיין אויב מ'האט חמץ).

ז. **לקנות** - אבער מען מעג נישט 'קויפן' פון די אויבערדערמאנטע פלעצער, אויב ס'איז נישט א צורך המועד.

ח. **ממצוא חפציך** - מען מעג באשטעלן א ארבייטער אויף נאך יום טוב (שו"ע סי' תקמג ס"ג), ווי אויך מעג מען גיין באטראכטן א הויז וכדו' וואס מ'האלט אינמיטן בויען, אריינרופן א געשעפט פרעגן א פרייז אויף א געוויסע חפץ, קוקן א קעטעלאג פון די פראדוקטן פון א געשעפט.

ט. **ודבר דבר** - מען מעג 'רעדן' פון זאכן וואס זענען נוגע צו די ביזנעס (שו"ת יכין ובועז ח"א סי' קיז).

י. **תשלומין במועד** - א געשעפטס מאן זאל נישט בעטן צו באצאלן א ביל, אויף חפצים וואס מ'האט איינגעקויפט בעפאר יו"ט (שו"ע סי' תקלט ס"ג, במג"א שם ס"ק ד'), אזוי אויך זאל מען נישט באצאלן אויף חפצים, וואס מ'האט געקויפט בעפאר יו"ט, דעריבער זאל מען נישט באצאלן פאר א גראסערי ביל, עלעקטער ביל, געז ביל, טעלעפאון ביל, אינשורענס ביל וכדו'.

יא. **דבר האבד** - אויב מ'וועט דארפן באצאלן אינטרעסט נאך יו"ט, אויך אויב מ'האט מורא, אז יענער וועט נישט באצאלן נאך יו"ט, אדער א חוב וואס וועט פארגעסן ווערן איז מותר (עי' טו"ז שם ס"ק א', משנ"ב שם ס"ק יא).

יב. **פותח אחת ונועל אחת** - א געשעפט וואס פארקויפט זאכן לצורך יו"ט מעג זיין אפען, אבער כדי מ'זאל דערקענען אז ס'איז נאר אפען לצורך יו"ט, זאל מען נישט עפענען אלע טירן ווי געוועהנטליך (שו"ע סי' תקלט סי"א).

**יג.** **מודעה** - אדער זאל מען לייגן א צעטיל אז 'די געשעפט איז אפען, נאר פאר די וואס ווילן איינקויפן לצורך יום טוב' (שו"ת שבט הלוי ח"ח סי' קכו).

**יד.** **מוכרי תבלין** - אבער די געשעפטן וואס פארקויפן זאכן, וואס מען דארף כסדר קויפן פרישע למשל גראסערי, פרוכט, פיש, פלייש וכדו', מעגן זיין אפען געהעריג (שו"ע סי' תקלט ס"י).

**טו.** **דבר האבד** - מקח וממכר איז מותר לצורך דבר האבד, דאס מיינט אז אויב מ'וועט עס נישט יעצט פארקויפן וועט מען דערלייגן די סחורה (שו"ע סי' תקלט ס"ד), אזוי אויך אויב מען וועט דערלייגן א קאסטומער, אדער א דזשאב וכדו', אויב מ'וועט נישט ארבייטען חול המועד איז אויך מותר (שו"ע סי' תקלט סי"ג).

**טז.** **להחזיר חפץ** - מען מעג צוריק געבן א חפץ, צו א געשעפט וואס האט א 'ריטערן פאלעסי', וואס מ'וועט שפעטער שוין נישט קענען צוריק געבן (שו"ת באר משה ח"ז סי' עז).

**יז.** **ספק דבר האבד** - אפילו מ'איז נאר מסופק צו מען קען דערלייגן איז אויך מותר (מג"א ריש סי' תקלז, ועי' ביה"ל סי' תקלז ס"א ד"ה דבר האבד), דעריבער אויב איינער האנדעלט מיט סטאקס, און איז חושש אז עס וועט אראפגיין די ווערט, און ער וועט דערלייגן זיין געלט, מעג מען עס פארקויפן.

**יח.** **מניעת ריוח** - אפילו מען מעג טוהן ביזנעס אום חול המועד, כדי מען זאל נישט דערלייגן געלט, אבער מען טאר נישט טוהן פארקויפן כדי צו פארדינען געלט (שו"ע שם ס"ד).

**יט.** **ריוח שאינו מצוי** - אויב האט זיך געמאכט אום חול המועד, א געלעגנהייט צו פארדינען א 'גרויסע פארדינסט', וואס וועט זיך נישט מאכן נאך יו"ט, מעג מען פארקויפן אדער קויפן (שו"ע סי' תקלט ס"ה), דעריבער אויב איז דא גאר א גרויסע סעיל, וואס מאכט זיך נישט אפט, אויך אויב מען קען איינקויפן געוויסע סחורה, וואס עס וועט נישט זיין צו באקומען נאך יו"ט איז אויך מותר.

**כ.** **ספק ריוח** - ס'איז נאר מותר אויב עס איז קלאר, אז מ'וועט דערלייגן די געלעגנהייט, אבער אויב מ'איז נאר 'מסופק' צו מ'גייט פארדינען, האט מען נישט מתיר געווען (דעת תורה סי' תקלג ס"ה), וממילא אויב מ'איז מסופק צו עס וועט נאך זיין די סעיל נאך יו"ט, טאר מען נישט איינקויפן.

**כא. לצורך תשמישו** - אויב ס'האט זיך געמאכט א ספעציעלע געלעגנהייט צו קויפן, פראדוקטען וואס מען דארף במשך דעם יאר ווי וויין, פאפיר, פלעסטיק וכדו', וואס וועט נישט זיין געהעריג צו באקומען שפעטער, מעג מען עס גיין איינקויפן אום חול המועד (שו"ע סי' תקל"ט ס"ט).

**כב. עיר אחרת** - אויב מען איז אויף יו"ט ביי די עלטערן וכדו' און א 'אנדערע שטאט', און מ'פארקויפט דארט געוויסע זאכן וואס איז נישטא צובאקומען אין זיין שטאט, מעג מען גיין דארט איינקויפן (שו"ת באר משה ח"ז סי' סא).

**כג. שמחת יום טוב** - איינער וואס האט נישט גענוג געלט אויף הוצאות יו"ט, און אויב וועט ער טוהן ביזנעס אום חול המועד, וועט ער האבן געהעריג אויף הוצאות יום טוב, מעג אויך טוהן ביזנעס אבער נאר באהאלטענערהייט (שו"ע סי' תקלט ס"ד, רמ"א שם ס"א, ועי' טו"ז שם ס"ק ב').

**כד. כיוון מלאכתו במועד** - אפילו מ'האט מתיר געווען מקח וממכר, לצורך 'דבר האבד' וכדו', איז דאס אויב מ'האט עס נישט געקענט טוען בעפאר יו"ט, און מען טאר נישט אויסרעכענען בעפאר יו"ט אנצוקומען צו די היתרים (מג"א סי' תקלט ס"ק ב'), דעריבער אויב א סעיל הייבט זיך אן בעפאר יו"ט, טאר מען זיך נישט אויסרעכענען צו גיין איינקויפן אום חול המועד.

**כה. הלואה** - אפילו מען טאר נישט טוהן קיין ביזנעס חול המועד, מעג מען 'בארגן געלט', אדער באצאלען געלט וואס מ'האט געבארגט (שו"ע סי' תקלט ס"ב), דעריבער מעג מען באצאלן אויפן טעלעפאן וכדו' קרעדיט קארד ביל, אדער מארטגעדזש (אויב ס'איז נישט פארבינדן מיט אנדערע מלאכות ווי שרייבן וכדו').

**כו. הלואה דשולחני** - אריינגיין אין א באנק, טשעיק קעשינג וכדו', אריינלייגן אדער ארויסנעמען געלט, איז אזוי ווי 'טוהן ביזנעס' און דעריבער איז דאס אסור (שו"ע סי' תקלט סי"ד, ועי' משנ"ב שם ס"ק מז).

**כז. דבר האבד** - אויב מען דארף דעקן א טשעק, אריינלייגן געלט אין א אקאונט וואס איז ליידיג געווארן וכדו', וואס מ'קען אויף דעם דערלייגן געלט, אדער ארויסנעמען געלט וואס מען דארף פאר צרכי יו"ט איז מותר (שו"ת באר משה ח"ז סי' נג).

**כח. פועל בשכר** - אפילו מלאכות וואס מען מעג טוהן חול המועד, איז נאר מותר צו טוהן פאר זיך אליינס, אדער פאר אנדערע מענטשן

'אומזינסט', אבער מען טאר נישט ארבייטן פאר געלט (שו"ע סי' תקמב ס"א), חוץ אויב מען טרעפט נישט איינער זאל עס טוען אומזינסט (משנ"ב שם ס"ק ב'), אבער לצורך 'דבר האבד' איז מותר צו נעמען געלט (רמ"א שם, ובמג"א סי' תקלז ס"ק יז), אבער לכתחילה זאל מען נעמען א גוי'שע ארבייטער (משנ"ב שם ס"ק ה').

**כט. לצורך מצוה** - ווי אויך יעדע 'צורך מצוה' אדער 'צורך רבים' וואס מען מעג טוהן חול המועד, ווי צום ביישפיל ספרים פאקער, לערנען מיט א בחור, שפילער ביי שמחת בית השואבה, מעג נעמען באצאלט (מג"א סי' תקמד ס"ק ה').

**ל. אוכל נפש** - ווי אויך 'לצורך אוכל נפש' ווי למשל א קעכער, פארעכטן פרידזשידער, פריזער, אווען וכדו', מעג מען נעמען געלט (ביאור הלכה סי' תקמ"ב ס"א ד"ה אפילו, ועי' פמ"ג סי' תקמד א"א ס"ק ה').

**"מה שהזהרת את בני קהלך ישמרם האל שלא יסחרו סחורה בחולו של מועד ולא יתעסקו במלאכות ושגדרו עצמן במה שהזהרת אותם ... יישר חילם בזה ושכר גדול יש להם מהשי"ת ואין ספק שבעל הגמול יזמין להם משנה הריוח ההוא שהי' אפשר להם להרויח בחול המועד ... זה שכרם בעוה"ז נוסף על הטוב הצפון להם לעוה"ב" (שו"ת ר"י מיגאש סי' קמה)**